Homeland Security

Department of Homeland Security
Office of Partnership and Engagement (OPE)

# רעסורסן פאר מענטשן וועגן דער געפאר פון דאַקסינג

***יאנואר 16, 2024***

## וואס מיינט דאקסינג?

***דאַקסינג*** ווערט אנגערופן ווען מ'זאמעלט א מענטשנס פערזענליכע אידנטיפיצירטע אינפארמאציע (PII) און גיט עס ארויס פארן ציבור מיט רשעותדיגע כוונות, אזוי ווי פובליק פארשעמען, לאקרן, גנבנען אידנטיטעט, אדער צילן צו רודפ'ן.

| אלגעמיינע מקורות פון סענסיטיווע אינפארמאציע | ביישפילן פון סענסיטיווע אינפארמאציע |
|---|---|
| סאשעל מעדיע מעלדונגען | פולן נאמען |
| פארמעגן און געריכט רעקארדס | קאנטאקט אינפארמאציע |
| הייראט און טויט מעלדונגען | היים אדרעס |
| נייעס-בלעטלעך | פאמיליע מיטגלידער |
| פובליק קאנפערענצן | פרטים פון ארבעטפלאץ |
| וועב-פארומס, בלאָגן, און דיסקוסיע באורדס | פינאנציעלע אינפארמאציע |
| נישט-געשיצטע נעצן | סאשעל סעקיוריטי נומער |
| ווילער רעגיסטראציע ליסטעס | |

## ווי אזוי קען איך זיך שיצן פון דאַקסינג?

- **זייט פאָרזיכטיג** וואס איר שטעלט ארויף אנליין וועגן זיך, ווי אויך בילדער און ווידעאס אפילו אויב ס'איז נאר צייטווייליג.
- **נעמט אראפ** PII (אדרעס, געבורטסטאג, טעלעפאן נומער, א.א.וו.) פון אייער סאשעל מעדיע פראפילן.
- **קוקט איבער** אייער נאכגייערס און זאגט אפ פארלאנגען פון אלע וואס איר קענט נישט.
- **פארלאנגט** אראפצונעמען אייער פערזענליכע דאטע פון פובליק רעקארדס וועבזייטלעך. באוואוסטע וועבזייטלעך זענען כולל TruthFinder, Spokeo, PeopleFinders, Intelius, FastPeopleSearch, BeenVerified, און Whitepages.
- **נעמט אראפ** די נישט-נייטיגע אַפּס און בראוזער הוספות צו פארמיידן פארזאמלונג פון אייער פערזענליכע דאטע.
- **באגרענעצט** לאקאציע אויסזיכונג אויף אַפּס אן וועבזייטלעך. שליסט אויס לאקאציע סערוויסעס פאר יעדע אַפּ אדער פלאטפארמע.
- **שטעלט אָן** פריוואטע פיקסירונגען אויף סאשעל מעדיע, אַפּס, און אנדערע וועבזייטלעך.
- **שטעלט אויף** צוויי-טריט ווערפיקאציע, נוצט קאמפליצירטע פאסווערטער, און חזרט נישט איבער דעם זעלבן פאסווארט אויף עטליכע קונטעס.

## ווי אזוי קען איך זיך שיצן פון דאַקסינג?

**פארלאנגט אראפצונעמען פאלשע, זידלעריש, אדער מסוכנדיגע אינהאלט**
טראכט וועגן איינגעבן אן אראפנעם פארלאנג צו דער פלאטפארמע אדער וועבזייטל, לויט די געזעצן און פאדערונגען.

**דאקומענטירט די געשעענישן**
טראכט פון אננעמען שריט אויפצוהיטן באוויז. היט אפ אלע אימעילס, וואויסמעילס וואס איר באקומט, און נעמט סקרינשאטס אדער בילדער פון הערות אויף סאשעל מעדיע.

**באריכטעוועט דעם פאסירונג**
אויב אייער פיזישע זיכערהייט איז איינגעשטעלט אדער איר פילט קרימינעליש באלעסטיגט, באריכטעוועט דעם פאסירונג צו די לאקאלע געזעץ היטעריי, ווי אויך די סאשעל מעדיע פלאטפארמע אדער וועבזייטל אדמיניסטראטאר.

## נאך רעסורסן און הדרכה

**CISA סייבערסעקיוריטי בעסטע פראקטיק און רעסורסן:** cisa.gov/cybersecurity

**CISA סייבער נייטיגקייטן:** cisa.gov/cyber-essentials

**CISA טיפ: אויסמיידן סאושעל אינזשעניריע און פישן אטאקעס:** cisa.gov/tips/st04-014

**CISA ארייננבליקס: פארשטארקן אימייל און וועב זיכערהייט:** cisa.gov/publication/enhance-email-and-web-security

**CISA סאשעל מעדיע איינגעשטעלטקייט הדרכה פאר סקול שטאב און אויטאריטיס אינפאגראפיק:**
https://www.cisa.gov/resources-tools/resources/social-media-threat-guidance-school-staff-and-authorities-infographic

אויב איר זענט א קרבן פון אן אנליין פארברעכן, גיט איין א תביעה **מיט די FBI's אינטערנעט פארברעכן תביעה צענטער (IC3)** אין ic3.gov